Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

# היינט 8 זייטען

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען

# נייעס פאלקסבלאט

№ 157 | Łódź, Środa, 8 lipca 1931 r. | נײנטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך כג תמוז תרצ״א | № 157

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# פראנצויזיש-דייטשע דערנעהנטערונג

## ערקלערונג פון דייטשען רייכסקאנצלער

בערלין, 7 (טו) די דייטשע רעגירונג האט זיך אויף דער דינסטאגדיגער זיצונג בעשעפטיגט מיט די פאריזער אונטערהאנדלונגען.

דער רייכסקאנצלער דיטריך האט שפעטער גע-געבען פאר די פרעסע-פערטרעטער אייניגע ער-קלערונגען איבער דער לאגע.

דער קאנצלער האט זיך גענוי אפגעשטעלט אויף דעם הובער-פלאן און אויף דער געשפאנטער שטימונג, וואס עס האט ארויסגערופען אין דייטש-לאנד די צוריקגעהאלטענע שטעלונג מצד פראנק-רייך. ער האט אויך אויסגעדריקט זיין צופרידענ-הייט מיט דעם גינסטיגען אויסגאנג פון די אונ-טערהאנדלונגען אין פאריז. ווייטער האט דער קאנ-צלער אויסגעדריקט זיין איבערצייגונג, אז דער הו-בער-פלאן וועט ברענגען געוויסע פערלייכטערונגען אין די דייטשע פינאנצען.

דאס וויכטיגע איז אבער, וואס דייטשלאנד זעהט דערין א ווידערגעבורט פון פערטרויען און דער-נעהנטערונג צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך.

### דאס דייטשע פאלק ווערט ווייטער גערופען צו שפארזאמקייט

בערלין, 7 (טו) די דייטשע רעגירונג האט ארויסגעלאזן אנ'אויפרוף אין וועלכען עס ווערט שטארק געלויבט הובערס פלאן און דאס דייטשע פאלק ווערט ווייטער אויפגעפאדערט צו פיהרען די ווייטגעהענדסטע שפארזאמקייטען. און עס ווערט אנגעוויזען, אז הובערס פלאן וועט ברענגען געוויסע פערלייכטערונגען אין דער דייטשער ווירטשאפט.

## קאנפערענץ צווישען אמעריקא, ענג-לאנד, פראנקרייך און דייטשלאנד

### וועט פארקומען אין לאנדאן

לאנדאן, 7 (טו). מאקדאנאלד האט אויף אנ'אנפראגע ערקלערט, אז די ענגלישע רע-גירונג האט איינגעלאדענט קיין לאנדאן אויף א קאנפערענץ וועגען הובערס-פלאן, די מלוכות פון אמעריקא, פראנקרייך און דייטשלאנד, אויסצוארבייטען די טעכנישע אדורכפיהרונג פון הובערס-פלאן.

ווי מען איז מודיע פון וואשינגטאן האט נ.י. אמעריקא געמאכט א גוטען איינדרוק די איינ-לאדונג פון דער ענגלישער רעגירונג צו דער לאנ-דאנער קאנפערענץ.

### קורס פון דאלאר פאלט ווייטער

ווארשא, 7 (טעלעפאניש) נעכטען איז אויף דער בערזע ווייטער געפאלען דער קורס פון דאלאר אויף 9 זל. אין דער שטאט האט מען גע-מאכט טראנזאקציעס אויף 8,96 — 8,98 גל.

גרויסע הזקות האבען געליטען די וואלוטע-שפעקולאנטען. די צענטראלע פון דער „באנק פאל-סקי" האט געצאהלט פאר א דאלאר נישט מעהר ווי 8,95 זל.

---

## נאך דער פערשטענדיגונג צווישען אמעריקא און פראנקרייך

### קאנפערענצען פון עקספערטען. — דייטשלאנד וועט זיך בעטייליגען אין דער אמעריקאניש-פראנצויזישער קאנפערענץ. — בריאן פאהרט נישט קיין בערלין

פאריז, 7 (טו) אין די גוט אינפארמירטע קרייזען רעכענט מען, אז דאס צוזאמענקומען פון די עקספערטען זאל פארקומען ענדע וואך.

דער אפמאך זאל אונטערגעשריבען ווערען פון פרעמיער לאוואל, אויסערן-מיניסטער בריאן מצד פראנקרייך, און פינאנץ-מיניסטער מעלאן מצד אמעריקא.

פאריז, 7 (טו) היינט, אדער מארגען וועט די פראנצויזישע רעגירונג רופען א קאנפערענץ וועגען א פערשטענדיגונג, ווי אזוי אדורכצופיהרען די בעשלוסען בנוגע אמעריקאס מאראטאריום-פלאן. אין דער קאנפערענץ וועט אנטיילנעהמען אויך דייטשלאנד.

פאריז, 7 (טו) אין בערלין קורסירען קלאנ-גען, אז בריאן זאל דעם 8. אויגוסט קומען קיין בערלין, די דאזיגע קלאנגען ווערען אפגעלייקנט פון אפיציעלע פראנצויזישע און דייטשע קרייזען.

—:O:—

## 40 פאסאזשיר צוגען ווערען אפגעשטעלט

### אין דער לעמבערגער באהן-דירעקציע

לעמבערג, 7 (טעלעפאניש) די קרייז-דירעקציע פון דער מלוכה-באהן אין לעמבערג איז מודיע, אז אין צוזאמענהאנג מיט דער נויטווענ-דיגקייט איינצופיהרען א דרינגענדע שפארזאמקייט אויף די באהנען, — ווערען אפגעשטעלט, פון 15 יולי אן אנ'ערך 40 פאסאזשיר-צוגען אין דער לעמבערגער קרייז-דירעקציע, צוליב דעם, וואס אין די זעלבע צוגען פאהרען זעהר ווייניג פאסאזשירען און עס ווערען נישט געדעקט די אויסגאבען פון די קורסירענדע צוגען.

## גרויסע שטרייקען אין שפאניען

### טייל-ווייזער אלגעמיינער שטרייק

פאריז, 7 (טו) פון בארצעלאנא איז מען מודיע, אז די בעוועגונג אין פארט איז אין גאנצען אפגעשטעלט, צוליב'ן שטרייק פון די טראנספארט-ארבייטער.

פון נעכטען אן שטרייקען אויך די פערסאנאלען פון די טעלעגראף און טעלעפאן.

מען דערווארט עס זאל אויסברעכען אן אל-געמיינער שטרייק. די סיטואציע אין שטאט איז אנגעשטרענגט.

מאדריד, 7 (טו) דער שטרייק פון די טע-לעפאנען איז היינט א דורך רוהיג. אמשווערסטען איז די לאגע אין בארצעלאנא און וואלענציא.

אין דער פראווינץ טאלעדא האט די בעפעלק-רונג פון איין דארף אנגעגריפען די בירגער-וואך. די לעצטע האבען בענוצט געווער, צוויי פערזאן זענען שווער פערוואונדעט געווארען.

מאדריד, 7 (טו) שטרייקענדע האבען איבער-געשניטען די טעלעפאן-לייטונג צווישען וואידא און לעאן. דאס צוריקשטעלען די טעלעפאן-פער-בינדונג קומט פאר אונטער דער וואך פון פאליציי.

אין מאדריד האט פאליציי פונאנדערגעטריבען מיט גומענע שטעקענס פערזאמעלטע גרופען שטריי-קענדע, פאר'ן טעלעפאן-בנין.

אין סענטא-מארציא און אין קודאנא איז ער-קלערט געווארען א גענעראל-שטרייק אונטער דער אנפיהרונג פון די סינדיקאליסטען.

אין גאנץ קאטאלאניען איז אויף מיטוואך פרא-קלאמירט געווארען א שטרייק פון דער וואסער-לייטונג און ליכט-פערזארגונג.

## דערטרונקען געווארען א סאוויע-טישע אונטערוואסער-שיף

העלזינקי 7 (ספ. טעל.) ווי מען גיט איבער זאל ביי די ברעגעס פון עסטלאנד האבען דערטרונקען געווארען א צווייט סאוויעטיש אונטער-וואסער-שיפעל.

---


# צו אונזערע ג' לעזער!

מיר ארגאניזירן א צווייטע סעריע פון אונזער

## גרויסען פרעמיען-קאנקורס

אין דער דאזיגער סעריע וועלן אריינגעהן ווערטפולע, פראקטישע חפצים, ווי:

א זשיראנדאל, עלעקטרישע נאכט-לעמפלעך,
א וויזשימאטשקע, אייל-בילדער, א קאווע-סערוויז,
א קינדער-ראוער, פלייש-מאשינקעס, ביכער

און פיל, פיל אנדערע ווערטפולע זאכען.

דעריבער שניידט היינט אויס דעם דאזיגען קופאן!!

די גענויע רשימה פון די פרעמיעס וועט נאכקומען.

### קופאן 5—1

2-טע סעריע פון גרויסען פרעמיען-קאנקורס — פון — „נייעס פאלקסבלאט"

כדי זיך צו בעטייליגען אין פרע-מיען-קאנקורס איז נעטיג צוזאַ-שטעלען בלויז 30 קופאנען.

פאר די לעזער, וועלכע האבען נישט בעוויזען אויסצושניידען די ערשטע 3 קופאנען פון אונזער צווייטען גרויסען פרעמיען-קאנקורס, גיבען מיר היינט עקסטרא 1 (איין) קופאן, וואס פערטרעט די דריי ביז איצטיגע קופאנען.

